STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05036

DOS OPGEBRENTE FEDERL

Solomon Davidman

Permanent preservation of this book was made possible
by Sarah & Mac Schorr
in memory of
loving parents, Rachel & Morris Solarchik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאַבוויי-ביבליאָטעק

1000

געשיכטעס פאַר גרויס און קליין

☆

דאָס אָפגעברענטע פעדערל

ISBN:0-657-05036-9

נומער 7

369

פון ש. דאַווידמאַן

אַרום דער שטאָט געפינט זיך אַ געדיכטער וואַלד, לאַנגע שערענגעס פון אַלטע און יונגע ביימער ציען זיך דאָרטן. די בלעטלעך אַף די ביימער און די גראָזן אַף דער ערד זײַנען דאָ אַזוי פיל, און אַזוי נאָענט איינס צום אַנדערן, אַז ס׳קוקט אויס ווי אַ גרינער יאַם.

אָבער וואָס קען טאָן אַ וואַלד? נאָר שטיין. שטייט ער.

אַלע אינדערפרי קומט צופליען די זון, באַשפריצט די ביימער מיט גאָלדענע שטראַלן, ווי לאַנגע גאָלדענע שפּיז־לעך און פרעגט: „גוט מאָרגן, וואַלד, וואָס מאַכסטו?״

„וואָס זאָל מען מאַכן, ליבע זון, אַ גאַנצע נאַכט גע־שטאַנען אין קעלט און אין פינצטערניש. ס׳איז אַוואַדע אַזוי גוט, וואָס דו ביסט שוין געקומען. האָסט מיר דער־וואַרעמט מײַנע ביינער״, שמייכלט דער וואַלד.

ווינטער זעט אויס דער וואַלד ווי אַ גרויסער קאַרני־וואַל. די ביימער טוען זיך אָן אין ווײַסע קליידער. די צווײַגן ווערן גראָבלעך און מיט אַרבל, ווי הענט. די שפּיצן — קײַלעכדיק ווי אַ קאָפּ. פון אויבן האַלטן אין איין פאַלן גרײַפּעלעך, ווי קאָנפעטי.

אין האַרבסט יאָגן אָן ווילדע ווינטן. זיי טראָגן מיט זיך שטויבן, שטרויען און פאַפּירלעך פון שטאָט. זיי האָבן אַ פּאָנעם, ווי הויכע מענטשן מיט ברייטע מאַנטלען, וואָס שלעפּן נאָך זיך לאַנגע שלייערס.
אַזאַ ווינט איז אַמאָל געקומען אין וואַלד אַרײַן. ער האָט געשמיסן מיט בייזקײַט די צווײַגלעך און די יונגע ביימלעך. ער האָט זיך דורכגעשפּאַצירט דעם וואַלד מיט קוראַזש, מיט כוצפּע, גלײַך ווי ער איז באַלעבאָס איבער דער וועלט.

מיטאַמאָל האָט זיך דער ווינט אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויכער סאָסנע. וואָס איז? — אַף דעם שפּיץ פון בוים איז געשטאַנען אַ קאַנאַריקל און געזונגען, זיך געטרייסלט און געדרייט, ווי אַן אַקטיאָר.

דעם ווינט איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס געזאַנג, ס׳איז נאָך שענער פון זיין פייפן און בלאָזן. און ער האָט געמיינט, אַז קיין שענערע זינגער פון אים זיינען אַף דער וועלט נישטאָ.

פרעגט ער דעם בוים: „ווער איז דער פויגל?" צעשמייכלט זיך דער בוים, ווי איינער רעדט: „דו קענסט אים נאָך ניט?" און ער האָט אים דערציילט:

„דאָס קאַנאַריקל האָט אַ רויט פעדערל אָפן קעפּל, רופט מען עס „דאָס רויטע זינגערל". עס טוט אַזעלכע גוטע זאַכן אויף, אַז מענטשן און בערן מעגן זיך קומען בײַ אים לערנען.

איינמאָל איז געקומען אַ מאַן מיט אַ האַק אַף דעם אַקסל, און מיר געוואָלט אונטערהאַקן די זייטן. וואָס האָב איך געקענט טאָן? — שוין אַ זאָקן, שטיי מיר שוין דאָ מיינע הונדערט און אַכציק יאָר, וויל איך מיך שוין ניט רירן פון אָרט. איך בין דאָך ניט קיין יונג ביימעלע, אַ שנעקל, וואָס מען דערלאַנגט עס דעם ערשטן קלאַפּ, בויגט זיך עס שוין פאַר דעם מענטשן. און מיטן צווייטן קלאַפּ קניעט עס, ליגט שוין אַן אויסגעצויגנס פאַר זיינע פיס.

פּלוצים האָט דאָס רויטע זינגערל זיך צעטרעלט, זיך צעלאָזט מיט אַזאַ שיינעם ניגן, אַז דער מאַן איז געבליבן שטיין מיט דער האַק אין האַנט און זיך איינגעהערט. אַזוי

איז ער אָפּגעשטאַנען ביז ס׳איז טונקל געוואָרן. האָט ער אָפּאָנעם זיך דערשראָקן, וואָס די זון אַנטלויפט, איז ער אויך אַנטלאָפן. דערווײַל בין איך געראַטעוועט געוואָרן.

און איינמאָל זײַנען אַלע קאַנאַריקלעך אַרויס פון די נעסטן, זיך אויסגעשטעלט אַף מײַנע צווײַגן און אזוי געפּיסטשעט, אַזוי געסווישטשעט, אַז ס׳איז געווען א ביטערער ראַכמאָנעס אַף זיי. מײַנע בלעטלעך, אַ כוץ וואָס זיי זײַנען ביטער, זײַנען זיי דעמאָלט געוועזן געל און פאַרדאַרט. און זיי ווילן עסן, אַז זיי שטאַרבן אַזש.

פון דערווײַטנס, זעען זיי, טראָגט זיך אַ פערד און וואָגן, לויפט און פליט, ווי אַ פײַל פון בויגן פון יעגערס האַנט, גיבן זיי זיך אַלע אַ לאָז צום וואָגן. אַ פרייד איז זיי באַפאַלן — אַ גאַנצער באַרג מיט שטרוי.

דער פויער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז די פייגל זײַנען הונגעריק, ער האָט אונטערגעשמיסן מיט דער בײַטש דאָס פערדל, ס׳זאָל לויפן שנעלער. די פייגעלעך האָבן אָבער מוירע געהאַט פאַר דער בײַטש, זײַנען זיי אַרומגעפלויגן אַרום וואָגן און נאָר געקענט קוקן אַף דער שטרוי. וואָס-זשע טוט דאָס רויטע זינגערל? — פליט ער הענדום-פענדום אַפּריער, שטעלט זיך אַוועק און צעזינגט זיך אַף זײַן שטימעלע, מיט אַזאַ מעלאָדיע, אַז ס׳הייבט אָן צו נאָגן באַם האַרצן און טרערן שטעלן זיך אַוועק אין די אויגן.

ווי דאָס פויערל האָט דערהערט דאָס געזאַנג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ מינוטקעלע זיך אײַנהערן. דערווײַל האָבן זיך די קאַנאַריקלעך אַ וואָרף געטאָן אַפן וואָגן און צעשלעפּט עפּשער טויזנט שטרויען, זיך פאַרזאָרגט מיט עסן אַף עטלעכע טעג.

איך קען דיר דען אויסדערציילן אַלע מייסעס מיט־אַמאָל — ענדיקט דער בוים — דאָס איז אַ זינגערל, איינס אין דער וועלט".

דער בייזער ווינט, וואָס טראָגט זיך נאָר אַרום מיט בייזע און שלעכטע געדאַנקען: ווי אַזוי צו צעשטערן אַן אָרעם שטיבל, ווי אַזוי צו דערטרינקען אַ שיפל אַפן יאַם, האָט זיך געטראַכט: „אויב אַזוי, וועלן מיר שוין דעם פייגל אַוועקפירן אין שטאָט אַריין".

רופט זיך אָן דער ווינט צום קאַנאַריקל: „דו גרויסער נאַר, וואָס דו ביסט, דאַרפסטו זינגען אין וואַלד פאַר ביי־מער און כייעס, וואָס פאַרשטייען ניט און פילן ניט דאָס זיסקייט פון דיין געזאַנג? און וואַרטן אַף אַ פויער, וואָס וועט דאָ דורכפאָרן, אויסצעבעטלען באַ אים אַ שטרוי? — קום בעסער מיט מיר אין שטאָט אַריין. פאַראַן דאָרט אַזעלכע הייזער, שטאַרקע, שטיינערנע, וואו מען לאָזט אַפילו קיין ווינט ניט אַריין. וועסטו זינגען פאַר יענע מענטשן, וואָס וואוינען דאָרטן, וועלן זיי דיר אונטער־טראָגן מילך און האָניק און ברעקלעך, וויפל דו וועסט נאָר אַליין וועלן. מען וועט דיר אויסבויען אַ שטיבעלע ניט ווי דיינע, פון שטרויעלעך און ערד, נאָר פון גאָלדענע דראָטן. קום, קאַנאַריקל, אין שטאָט אַריין".

און דאָס קאַנאַריקל איז אוועק מיטן ווינט אין שטאָט אַריין.

איז דאָס געזעסן אין אַ שטייגל און געזונגען. עסן האָט עס געקראָגן פון די בעסטע זאַכן. נאָר אַמאָל האָט עס זיך געוואָלט אַרויספליען האָט עס ניט געקענט, די מענטשן האָבן פאַרשלאָסן דאָס שטייגל מיט אַ שלעסעלע. האָט

דאָס רויטע זינגערל געוואָלט זען דעם הימל, האָט עס ניט געקענט, די מענטשן האָבן זי פֿאַרשטעלט מיט אַ סטעליע.

ווען דאָס פײגעלע האָט געגעסן, איז דאָס געווען צופֿרידן פֿון שטאָט, פֿון דער הויז, פֿון דער שטײַג, פֿון די מענטשן, אָבער ווען דאָס פײגעלע האָט געוואָלט זײַן פֿרײַ, און ניט געקענט אַרויס, האָט עס אַזוי געטרויערט און אַזוי געבענקט, אַז ס'האָט זיך געגלוסט צו וויינען.

אָבער יענע מענטשן, פֿון דער שטיינערנער הויז, וואו קיין ווינטל קומט אַפֿילע ניט אַרײַן, האָבן ניט פֿאַרשטאַנען דאָס פײגעלע. זיי האָבן געמיינט, אַז אַ פײגעלע דאַרף זינגען טרויערדיק.

איינמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ פֿײַער אין דער הויז. פֿלאַמען האָבן אַלץ אַרומגעכאַפּט. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען. דאָס שטײַגל איז אַראָפּגעפֿאַלן און זיך צעבראָכן. איז דאָס קאַנאַריקל אַרויס און זיך געלאָזט פֿליען. האָט עס אַ פֿלאַם פֿון פֿײַער, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ צונג, עס געגעבן אַ לעק פּונקט לעבן רויטן פֿעדערל. האָט זיך דאָס קאַנאַריקל אָפּגעבריט און אוועקגעפֿלויגן מיט אַ וויי־געשריי.

ווען דאָס קאַנאַריקל איז געקומען צופֿליען צוריק אין וואַלד אַרײַן, האָט עס זיך זייער דערפֿרייט. ס'האָט זיך אָנגעהייבן גריסן מיט די שוועסטערלעך און ברידערלעך און אַלטע פֿרײַנט. די פֿײגעלעך האָבן אָבער געקוקט אַפֿן זינגערל, ווי אַף אַ פֿרעמדן. קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט צו די לידער, וואָס ס'פֿלעגט זינגען. ס'זײַנען שוין געווען נײַע זינגער אַף זײַן אָרט.

האָט דאָס קאַנאַריקל געוואָלט וויסן פֿאַרוואָס מען דערקענט עס ניט. האָט עס זיך אַוועקגעלאָזט צו אַ נאָענטן טײַך, און זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם וואַסער, איז דאָס

אַזש דערציטערט געוואָרן, ס׳האָט דערזען, אַז ס׳האָט שוין ניט דאָס רויטע פעדערל אַף זיך. איז דאָס זייער טרויעריק געוואָרן. ס׳האָט זיך געוואַשן אין טײַך, זיך געוואַרעמט אַנטקעגן דער זון, ס׳האָט געמיינט, אַז ס׳וועט צוריק קריגן דאָס פעדערל. אָבער מער האָט עס שוין קיין רויט פעדערל ניט באַקומען.

ניט קיין אוטאָפּיע.

דער לייענער האָט געווים באַמערקט, אַז לעבן דעם נאָמען „סאָבוויי-ביבליאָטעק" גייט אַן אונטערקעפּל: „טויזנט געשיכטעס פאַר גרויס און קליין". נו, טראַכט זיך אַ לייענער, טויזנט געשיכטעס? — סאַ ביסל איבערטריבן.

דער עמעס איז, אַז דער שרייבער און אַרויסגעבער פון דער „סאָבוויי-ביבליאָטעק" האָט שוין אָנגעשריבן די טויזנט געשיכטעס. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געווען געדרוקט אין די צייטונגען און זשורנאַלן: „די אידישע וועלט", „די צייט", „פרייהייט", „יונג-קוזניע", „יוגנט", „ספּאַרטאַק", „דער האַמער", „פּראָלעטאַרישע דערציאונג", „יונגוואַרג", „מאָרגן-פרייהייט". „היים און דערציאונג" און אַ רייע לאָקאַלע זשורנאַלן אַף דער פּראָווינץ.

ביז דער „סאָבוויי-ביבליאָטעק" זיינען דערשינען אין בוך פאָרם אַרום צוואַנציק ביכער און זאַמלונגען.

נו, טראַכט אַ לייענער, וועט זיין מעגלעך אַרויסצוגעבן טויזנט ביכעלעך פון „סאָבוויי-ביבליאָטעק"? —

יאָ, ס׳איז מעגלעך.

הונדערטער לייענער און שרייבער זיינען באַגייסטערט פון דער „סאָבוויי-ביבליאָטעק". מע קען לייענען די ביכלעך באַ יעדער געלעגנהייט. סאַ קעשענע-ביכל. סאַ שיין ביכל.

מיר ווייסן, אַז סע געפינען זיך ליבהאָבער פון ביכל אין יעדער אָרגאַניזאַציע פון אונדזער פּראָגרעסיווער פאָלקס-באַוועגונג. מיר ווילן, אַז בלויז איינער פון יעדער אָרגאַניזאַציע זאָל זיך אונטערנעמען צו פאַרשפּרייטן די „סאָבוויי-ביבליאָטעק". יעדער פאַרשפּרייטער ווערט פאַקטיש אַ בויער פון דער ליטעראַרישער אונטערנעמונג. און זיין אָדער איר נאָמען וועט פאַרצייכנט ווערן אויף אייביק אויף די זייטן פון דער „סאָבוויי-ביבליאָטעק", און דעמאָלט, אַ, דעמאָלט, וועט שוין ניט זיין קיין אוטאָפּיע אַרויסצוגעבן אַלע טויזנט נומערן פון דער „סאָבוויי-ביבליאָטעק".

איר ווערט איינגעלאַדן צו זיין איינער פון די בויער.

ש. דאַווידמאַן.

אַדרעס: באַ די אָרדן-שולן, 80 — פינפטע עוועניו, ניוי-יאָרק, נ.י.

צווייטער אָפּרוף וועגן דער „סאָבוויי-ביבליאָטעק"

מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן מיר געלייענט אין דער אָריגינעלער „סאָבוויי-ביבליאָטעק"-אויסגאַבע, די מייסע „דער לערער האָט פאַרמאַכט די אויגן" פון ש. דאַווידמאַן, אָלגינ'ס אַ תלמיד, וואָס איז שוין אַליין אַ אידישער לערער און שריפטשטעלער. דערציילט דאָרטן ש. דאַווידמאַן, אַז ווען ער איז געווען אַ אינגל פון אַ יאָר צוועלף-דרייצן, איז צו אים אַריינגעפאַלן אין די הענט אָלגינ'ס כרעסטאָמאַטיע, און ער זאָגט וועגן דעם: „און פון זינט איך האָב געלייענט „דאָס אידישע וואָרט" פון אָלגין, האָב איך צו זיך געזאָגט: „אָט דער אָלגין מוז זיין זייער אַ גרויסער לערער! ער האָט פאַר מיר צונויפגענומען דאָס שענסטע אין דער אידישער ליטעראַטור!".

א. פּאָמעראַנץ: פון ארטיקל: מ. אָלגין — און דאָס אידישע וואָרט, „מאָרגן-פרייהייט", זונטיק ניינצנטן אָקטאָבער.